באַציאַן - דער, באַציאַנעס/באַציאַנעס, פּפּ באַמשאַן (לד) בוצאַן. ווּ באַציאַניכע (ווערט אויך גערופן: בושל, שטארך/שטערק, זשורעוו). א פויגל פון דער גרופּע זומפּ-בראדזענדיקע (ווסנ [Ciconia] ער האט א לאנגן גלייכן שנאבל, א לאנגן האלדז, הויכע רויטלעכע פיס, די פינגער זיינען באהאפטן מיט הייטלעך צווישן זיך; דער באַציאַן נערט זיך מיט שרצים, פיש און איז אן איבערפלי-פויגל.

% ס'איז שוין פרילינג - די באַציאַנעס זיינען געקומען צו פליען. אויפן הארבסטיקן הימל זעט זיך א סטאיע באַציאַנעס אפפליען; דער באַציאַן שפאנט איבערן זומפּ.

1864 " האט זיך דעם סוקראטוס [סאקראטעס] געטרוימט [געחלומט], דאס אייך שטארך (בוצאן) ליגט אין זיין שויס". איבזץ אמד. [פון] י. ל. בן זאב, ספרי חכמי יון [...], ווילנע, ז' 30.

1953 " [...] איז געוועז אויפגעבויט אן אלטע בושל-נעסט, פון צווייגן און פון שטעקלעך, נאר די באַציאַניכע איז געוועז אין דער היים. אבער ניט ווייט האט מען געקענט זען דעם באַציאַן אליין. ברוס, ביי די טייכן, [...], נ"י, ז' 247.

באַציגלעך -- אדוו. (דטשם, נאָ) בשייכות,
וואס שייך, בנוגע.

1968 " עס איז [זיינען] אים דורכגעלאפן אין זיינע
געדאנקען פארשיידענע עפיזאדן [...] באַציגלעך זיין
ציטנשפרונג". ש. גולדשטיין, ספר הזכרונות לבית ליסקא,
חיפה, ז' 102.

באַצירונג -- די, =ען. 1. צוזאמענהאנג,
פארבינדונג צווישן זאכן, באגריפן, דערשיינונגען אע.

1870 " אין דיזער באַצירונג מוזן מיר מיט אים איבעראיינשטימען
[...]" קמ, נ' 5, - 35.

[?] [...] אין היינט א תורנה פון " דרוש וקבל שכר"
אויף יענער וועלט אן שום באַצירונג מיט דער וועלט,
מיטן לעבן [...]". פרץ, IX, ז' 186.

1936 " אזא קאנסטאנטע באַצירונג צווישן א חלום = עלעמענט
און זיין איבערזעץ רופן מיר אן סימבאלישע". ~~פרויד, ארויספיר [...], ווילנע, ז' 126.~~ איבז, מון, פרויד,
ארייַנפיר [...], ווילנע, ז' 126.

2. דאס באגיין זיך מיט (א) מענטשן;
דאס פארהאלטן זיך צו (א) מענטשן % גוטע באַצירונג,
שלעכטע באַצירונג. פריינדלעכע/פיינטלעכע באַצירונג.
אפנהארציקע (אויפריכטיקע), חברישע, ליבע=באַצירונג.
חוזק (ביטול-)-באַצירונג. ווארעמע (קאלטע)
באַצירונג. די הארציקע באַצירונג צו דעם נייעם עולה
האט אים א סך דערמוטיקט. ער האט ארויסגעוויזן א
באַצירונג פון פארשטענדעניש צו דעם פרעמדן.

1888 " האט יענטל זיך גענומען צו דער טאכטער אויסשטראפן
זי פאר אזא באַצירונג מיטן מאן". ממוס, ...
... , ז' 194.

1937 " גאנץ אפט שטעקט די סיבה אין דער אומדעליקאטער
באַצירונג פון דעם מאן [...]". פגעז, ווילנע, נ' 12.

1940 " זי האט געוואלט וויסן, ווי זיינען איצט די
באַצירונגען צווישן אים מיט זיינע אייגענע: קומסט
נאך מיט זיי ניט אויס?" בערג, באם דניעפער II,

[illegible] מאסקווע, ז' 136.

1968 " נייַן, א גוטע באַציונג, ווענעמס זי זאל ניט זייַן, איז ניט אפצושאצן". אי. קיפּניס, אונטערוועגנס, זש' סאוו'- הימלאַנד, נ'5, ז' 26.

3. שטעלונג, אייַנשטעל, פּאזיציע צו (לגבי) זאכן, דער- שייַנונגען, פּראבלעמען אַע; פּאזיטיווע/נעגאטיווע באַציונג; א דאנק זייַן ערנסטער באַציונג צו דער ארבעט איז דער באַאמטער גיך געשטיגן; די גלייַכגילטיקע באַציונג צום יידישן חינוך העלפט מיט דער אסימילאַציע.

1953 " [...] אזא אינדיפערענטע באַציונג פונעם שטאַט צו רעליגיע איז א נארישקייט". גרין, מענטשן און ווערטן, נ"י, ז' 221.

1967 " [...] איז די אנטאלאגיע [מכאן ומקרוב] א צייכן פון דער אַנדערשדיקער באַציונג צום יידישן לשון אין דער יידישער מדינה". אפּא, טמז, [illegible]/3.

4. ( ס'רוב געניצט אין מערצאל: באַציונגען) קעגנזייטיקע קאנטאקטן, פארבינדונגען צווישן מענטשן, אינסטיטוציעס אַע; באַציונגען עלטערן און קינדער, משפּחה-באַציונגען; געזעלשאפטלעכע באַציונגען, האנדלס-באַציונגען, דיפּלאמאטישע באַציונגען; האבן באַציאונגען (מיט), זייַן אין (גוטע, שלעכטע, נאענטע) באַציונגען מיט עמעצן; אנבינדן/אנקניפּן באַציונגען, איבעררייַסן, באַנייען די באַציונגען; נארמאַלע, געשפּאַנטע, אנגעשטרענגטע באַציונגען; אין דער יידישער שול הערשן פרייַע באַציונגען צווישן לערערס און קינדער; די באַציונגען צווישן די פאראייניקטע שטאַטן און רוסלאַנד זייַנען אפגעקילט געווארן.

193[6] " שוין א פּאר יאר אבער, ווי די באַציונגען צווישן זיי ביידע זייַנען געווארן אפגעקילט". מ. בורשטין, גורל, ז' 4.

1951 "ס'האבן זיך אייַנגעשטעלט פרייַנדלעכע געשעפט-באַציונגען, דער אדל האט זיך באדינט מיט יידן אלס 'סובקאלעקטארס'". ד"ר מ. ווישניצער, זב ליטע I, נ"י, ז' 67.

1955 " באַציונג מיט יידן איבער דער וועלט איז, ווייזט
אויס נישט אקטועל". אפא, געטראכט מיט עברי-טייטש,
נ"י, ז' 148.

1965 " דארפן מיר פאליטיש זיין פארזיכטיק [...] אפילו
זיך נישט איינרייסן דעם פעלץ אנצוקניפן דיפלאמאטישע
באַציונגען מיט באָן". אפא, סמז, זוג/11.

5. קאנטשאפט, גוטע פארבינדונג מיט אייַנפלוסרייכע פערזאנען;
יענער איז א גאנצער מאכער, ווייל ער האט באַציונגען
אין די הויכע ספערן; ער קאן דיר א סך העלפן א דאנק
זיינע באַציונגען מיטן מיניסטער.

1968 " בכדי אויסצומיידן די אויסזידלונג קיין ווארשע,
האבן די דירעקטארן פון 'זאפיוווקא' און 'בריאות'
אנגעקניפט פראטעקציע-באַציונגען מיטן שטאטישן דייטשישן
קאמענדאנט". ב. ארענשטיין, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 814.

6. (במז) סעקסועלער אקט. % דאקטוירים טרעטן ארויס קעגן
פריצייטיקע געשלעכטלעכע באַציונגען; דער באשולדיקטער
האט געלייקנט, אז ער האט געהאט אינטימע באַציונגען
מיט דער דערמארדעטער פרוי.

1909 " ווייל א דאנק זייערע איבערמאסיקע געשלעכטלעכע
באַציונגען הערן זיי כמעט נישט אויף צו שפילן [...]".
א.ז. א וידוי פון אן אקושערקע, ווארשע, ז' 25.

ם | באַצייַג | ב צ יי ג -- דער, =ן. עדות.

1610 " ויאמר אונ' ער זאגט לבן דער הויפן דר איז בצייג
צווישן מיר אונ' צווישן דיר הייט". טח, בראשית,
לא - מח.

ב אַ צ ייַ ג ו נ ג -- די, =ען. ( ארכ ) 1. אָנזאָג,
געבאָט, געזעץ פון גאט.

1936 " און לאמיך קענען אפהיטן די באַצייגונג פון דיין
מויל". נג, תהילים, קיט-88.

ם ביצייגונג / בצייגונג.

←----- .1

1768 " דייך ( תורה ) אונ׳ דייני בצייגונג ווערט זייך אונזר דר מייאונג אונ׳ זיא ווערט לעבן אונזר לייב". מחזור יו"כ [...] אויף טייטש, אמשטרדם, תקכ"ח, דף צה, I.

.2 באווייז, ארויסווייז.

1734 " אונטר דעשן פור זוכי דיזה נייאה גשפאנשאפט מיט אלי בצייגונג פון פריינדליכקייט גליבה פורט צו פפלנצן". מארשן, לשון זהב, אמשטרדם, תצ"ד, II.

.3 עדות.

1731 " וזאת התעודה בישראל - די ביצייגונג". מלמד שיח, רות ד, 7, פיורדא, 141. [תי: אוך דאס איז געווען צום עדות.]

ם [ באצייגטער ] בצגטער -- דער, =ע. עדות. מה"ד

BEZIUGEN 1508?| " ענה - בצגטער, ל׳ עדות. רייכלין 8. [תי: עדות].

באציגן -- טרוו. ( ארכ ) 1. דערווייזן, אויפווייזן, באשטעטיקן.

1855 " הט ער זיך גשריבן איין גבעט בריב צו זיין ליבען שוואגר אונ צו זיין פרויא אז דס זאל בצייגן אויף זיין גוט הארץ אונ אז ער הט אויף דעם אלעם חרטה וואס ער ~~הט אויף דעם אלעם~~ הט גטאן". איין שיינע וואונדערליכע היסטאריע [...], ווארשא, ז׳ 6.

1896 " ווען דער נאר [...] זאגט צו אלעמען אז ער איז א נאר, ער באצייגט אויף זיך זעלבסט אז ער איז א נאר". י. ל. יאסעלאוויץ, אורחת חיים ( רמב"ם ), ווילנא, ז׳ 38.

.2 עדות זאגן.

1936 "גאט האט באצייגט קעגן מיר", נג, איבז רות, א - 21, נ"י, [תי: ענה בי - גאט איז מיין קלאגער געווארן.]

|| = (ע) ניש -- ( ארכ ) געבאט, אנזאג.

1851 "[...] איר זאלט היטן די מצוות פון גאט [...] און זיינע באצייגעניש [...] און זיינע געזעץ". העט, דברים ו׳ - יז, זשיטאמיר. [תי: ועדתיו - אנזאגן.]

1875 " אזוי האָט געזאָגט דוד המלך צו זיין זון שלמה [...]: זאָלסט היטן דאָס היטונג פון גאָט צו [...] היטן זיינע באַצייגענישן [טעקסט: בעצייגניסע]", איבן יצחק האַמבורגער, אברהם דאַנציג, בית אברהם, לעמבערג, ז' 2.

ם באַצייגן זיך -- אוטוו/אומפּ, (אַרכ) 1. ארויסווייזן זיך.

1895 " און נאָך דעם האָט זיך באַצייגט אַז דער דייטש איז איר מאָן קיין מאָל ניט געווען". [אנאָנים], אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע, ז' 51.

2. (אַרכ) איבערצייגן זיך, קומען צום אויספיר.

1937 " האָט ער נאָך אַ מאָל צוגעלייגט ס'ציבעלע=זייגערל צו דער רעכטער פּאה, כדי זיך צו באַצייגן, צי מ'קען זיך פאַרלאָזן אויף אַזאַ גיין". נאַד, נאַדירגאַנג, נ"י, ז' 201.

ם ביצייגין/ביצייגן.

Bezeugen: מה"ד

------> 1.

1734 " איך טרישטליכה האָפנונג פור בלייב [...] צו ביצייגין מיט אירי אָן מיטיגי אכטבארי ציילן דען מיר זיין איין זיל איין ליב". מאַרשן, לשון זהב, אַמשטרדם, תצ"ד, ז' 18.

1798 " איך וויל דיר ביווייזן אונ ביצייגן דש די חכמה טוט די נאַרהייט ווייט איבר שטייגן", משל הקדמוני, אוסטראַהאַ, תקנ"ח, ז' 3.

------> 2.

1648 " אָך אלי פאַרט [=נסיעות] אונ' איך אלי לנד וויל איך אויף איין ביצייגן" מגילת ווינץ, אַמשטרדם, ת"ח.

1696 " לא תענה", דוא זאָלשט ניט ביצייגן פאַלש צו צייגן דיין גיזעלן". [סידור] תפילה למשה [...], דעסוי, קס"ד, 24.

------> 3. וואַרענען.

1626 " היאר מיין פאַלק אונ' איך וויל בצייגן אָן דיר ישראל, ווען דוא ווילשט מיר אַנדרש פאָלגן": סהמ[ת], תהילים, פּא - י, לובלין. [תי: וואיעידה - וואַרענען.]

|| ביצייגניש / ביצייגניס / ביצייגנוס / בצייגנס.

1. געבאָט, אָנזאָג פון גאָט.

1696 " אום זיא ווערן היטן דייני קינדר מייני זיכרהייט אונ׳ מיין ביציגנוס דש צדאזיג [...]". [ סידור ] תפלה למשה, דעסוי, דף שפז.

2. באווייז, עדות, ראיה.

1635 " אונ׳ אפי׳ איצונד אויך איז גוט אים הימל מיין עד ( ושהדי ) אונ׳ מיין בציגנס איז ער אים הימל דז איך גירעכט בין". סהמ, איוב טז - יט, לובלין.

[ תי: ושהדי - עדות=זאגער. ]

1694 " אזו זאגטן זיא איטלכר איך זיינר שטאט, אונ׳ בראכטן צו בציגניש דער דא זיצט איבר טויזינט מייל [...]". איסטארישע אלעגאריע פון ר׳ מאיר ש"ץ, פירט, ציט י. ריבקינד, פש ז׳ 18.

1716 " אונט ער זאגט יהושע צו אל דעש פאלק, נון דער שטיין זאל זיין צו אונש איין ביציגנים דער ווייל זיא גיהערט האט אל דיא ריד פון גאט". סהמ יהושע, ווילהערמרשדארף, כ"ח -

ביצייגר -- עדות.

1716 " נון איין ביצייגר כלומר איין הר דער זיא שטראפט אונ׳ זאגט עדות אויף דיא בייזי וועג". סהמ ישעיה, נה - ד, ווילהרמרשדארף, | תי: עד - עדות. |

[ באציים ] ב י צ יי ט -- אדוו. ביי צייטנס, אין דער געהעריקער, פאסיקער צייט.

1651 " מאגט איר ניט שפארין אייער געלט, אונ׳ קויפט עס ביציים, אי מען ווערט עס פר רייסן בייא גוטה לייט". יהודה הענטשינר, מציל נפשות ישראל, הקדמה, אמשטרדם, ת"א.

ב א צ יי ט י ק -- אדי. וואס איז ( קומט פאר, געשעט ) אין דער געהעריקער צייט, ניט שפעט אדער פאר פריס. דיין באצייטיקער ענטפער אויפן בריוו האט פארשפארט איבער-קלערענישן; די באצייטיקע אינטערווענץ פון דער פאליציי האט פארמיטן דעם צוזאמענשטויס.

באַצ ÷ 25.

||(ק)ייִס די, באַ באַצייטיקייט אין קומען צו זיצונגען, פאַרזאַמלונגען איז נישט קיין פאַרשפּרייטע מידה.

ב אַ צ יי ט ל ע ך -- אַדור. (אַרכ?) דזור בײַ צײַטנס (←---).

" האַט ער [דער קעניג] געשאַפט, מען זאָל אים אײַנשפּאַרן, [...] באַטנער אָבער איז באַצייטלעך |..| אַנטלאָפן". |איבז?|, פאַן לאַיזע, דעם קעניגס געשעפט־פאַרזאָרגער, בוקאַרעשט, ז׳ 220.

ב אַ צ יי ט ן -- אַדור. (אַרכ) דזור בײַ צײַטנס,

~~ם ביצייטן / בצייטן~~

1818 " דו האַשט איבר דיר דין און משפט אויף דער וועלט און יענער וועלט מכ"ש [=מכל שכן] מיזטו אַן ברייטן גוטי שפּייז בצייטן דש איז טײַטש תורה ומעשים טובים. שבע זכירות, לעמבערג, ז׳ 13.

1883" [...] ער הייבט שוין אָן עסן באַצייטן, ער רוקט שוין אויף אַלע זייטן". ייל, וועלט לוח. אָדעס, ז׳ 17.

1911" [...] רבקה, [...] קאָך אָפּ באַצייטן דעם אָנבייסן, וואָרעם ביי טאָג וועל איך נישט האָבן קיין צייט צו עסן". חברה קדושה־סעודה, וואַרשע, ז׳ 6.

ם ביצייטן/בצייטן, מהד: .bi ziten

1544 " איך וליך איך דיא וואָושטנייא דא וויל איך אויארר בייטן ביז דש איר מיר טוט בוטשאַפט טוט מירש נוייארט ביצייטן"! שב, סטראַף 1454.

1648.." דז מושט אַלש גישעהן ביצייטן דאַז ניט אידרמן דער פון ווישן זעלט". מגילת ווינץ, אַמשטרדאַם, ... ז׳ 38.

1728 " פאַר קורציך אַטום אודר לונגיך זוכט אודר ליגט אים שטעץ גאהר שווער אויף דיא ברושט ווען איינר דאַז שפּירט מוז מן בצייטן ברויכן אונ׳ מאַך אים זען טראַנק וויא פאַליגט איז בדוק ומנוסה לאלף פעמים. ר׳ אפרים ווערטהיים. שער אפרים !!, סור, פיורדא.

באַציַטנדיק -- אדוו [סטוטש 87]. דזוו ביי צייטנס

|| =(ק)ייט -- די, בא. די אייגנשאפט פון קומען, געשען אין דער געהעריקע צייט.

באַציַטנס -- אדוו. פפ ביי צייטנס.

פאר פרי, ניט צו פארזאמען, פארשפעטיקן עפעס, ניט דורכצולאזן א מעגלעכקייט, געלעגנהייט אע. % מע דארף קומען באצייטנס אויפן לופטפארט, כדי צו באזארגן דעם באגאזש. קומט באצייטנס, וועט איר נאך קריגן בילעטן אויפן קאנצערט. נאר א קליינער טייל יידן האבן באוויזן באצייטנס צו אנטלויפן פון געטא.

1869 " מיר בעטן [...] באצייטנס צושיקן דעם אבאנעמענט- פרייז, כדי עס זאל דורך זייער פרשפעטונג נישט ארויסקומען קיין אָסטאַנאַוו וקע [= אפהאלט]". קמ, ז' 317 - VI.

1906. מע האט זיך געלאזט אין וועג אריין באצייטנס, שע, אלע ווערק, ציט אויסג.. ב' VII, ז' 186.

1936 " געמיינט, אז די רעוואלוציע קומט אן, און זיי זענען באצייטנס אנטלאפן קיין אויסלאנד. ייז, ברידער אשכנזי,

|| באציַטנסדיק -- אדי. | סטוטש 89/87 | וואס איז ( קומט ) באצייטנס. א באצייטנסדיקע אפעראציע האט אים געראטעוועט פון א גרויסער סכנה.

|| באצייטנסדיקייט.

באַציַכענונג -- די, =ען. 1. צייכן, סימן. % שריפטלעכע באצייכענונג, ציפערדיקע באצייכענונג, סימבאלן=באצייכענונג. מע דארף גוט אכטונג געבן ביים פארן אויף די וועג=באצייכענונגען.

2. נאָמען, אָנרוף. די רוימער האבן איינגעפירט די באצייכענונג 'פאלעסטינא' פאר ארץ=ישראל.

1958 " דער נאמען ארמעניע [...] איז אויפגענומען געווארן פאר Romania, וואס איז די באצייכענונג פאר ביזאנץ".

מ. קאסאווער, יישפ, XVII - 1.

1970 " די צוגרייטונג פון די רשימות און די געהעריקע

באַצייכענונג פון יעדער אקציע איז שוין געלעגן אין

דער קאמפעטענץ פונעם ׳ ארדענונגס=דינסט". ר. מאהלער

סאנץ, ת"א, ז׳ 827.

3. אויסדרוק=פאָרמע, דעפיניציע, באשטימונגס/גראַטענע

באַצייכענונגס דער קריטיקער ניצט בטולדיקע באַצייכענונגען

פאר דעם ווערק.

1929 " אין זשארגאן=טעקסט זענען דא גאר אנדערע נייע

ווארטבילדער, אנדערע באַצייכענונגען, אומשרייבונגען" .

בעמ I , ווארשע, ז׳ 174.

1957 " איך וויל ניט ניצן קיין, קאמפליצירטע, איבער-

חושימדיקע באַצייכענונגען". הל, ששש, טאג, I/4.

ם בצייכנונגא.

ם 4. אנדייט, רמז, מיין.

? |1508 | " שמץ - בצייכנונגא , ל׳ רמז והבנה". רייכלין 8.

| תי: שמץ: א קווינט. איוב ד, 24 | .

באַצייכענען -- טרוו. באַצייכן, מיר באַצייכענען,

פאַר באַצייכנט, 1. געבן ( שטעלן ) א סימן, אָנווייזן,

באסימענען/באַצייכענען דעם טראַקט מיט מיילשטיינער.

באַצייכענען די ראנדן פון שאסיי מיט געלע פאסן.

באַצייכענען די איינגענג מיט נומערן. דער שניידער ב

באַצייכנט, ביים מעסטן די פעלערן, מיט קרייד.

1926 " דער אלף, וואס באַצייכנט דעם קלאנג ׳O׳ , דארף שטענדיק

באַצייכנט ווערן מיט א קמץ". א. וועוויארקא, דער אויסלייג

פון אידיש, מאסקווע,.

1968 " אלע יידישע געשעפטן אין אונגארן זענען באַצייכנט

געווארן מיט א גרויסן מגן=דוד און [ מע האט ] אויסגע=

רויבט אלע סחורות". ש. רוזמן, אין ס׳ אבפגן

מרמורש, רחובות, שא.

2. אנרופן, געבן א נאמען; דעפינירן, ספּעציפיצירן.
באצייכענען מיט דעם נאמען; באצייכענען מיט דעם טיטל.
איינשטיינען קאן מען באצייכענען ווי דעם אנהייבער פון
דער מאדערנער פיזיק; מע האט אים באצייכנט ווי א גאון
אין זיין צייט.

193... " דער ארכיסינאגאגוס אינעם רוימישן עגיפטן ווערט
אין זער שריפט [...] באצייכנט ווי 'מאטעמאטיקער' [...]".
מ. מיזיש, ייבא XIII, 1 - 2. ז' 149.

1957 " די תורה, איר מקור און איר שורש איז [ זיינען]
נאר די חסדים פון גאט, וועלכע ווערן באצייכנט מיט
דעם נאמען 'דמיון'". ליקוטי אמרים, תניא, ז' 228.

1967 " [...] א ליריקער פון יענעם מין, וואס ווערט
באצייכנט מיט דעם אדיעקטיוו 'צארט', האט אנגעצארטעוועט
א ליד [...]". צייט, טמז, III/31.

3. כאראקטעריזירן, באשטימען אייגנשאפטן פון עמעצן / עפעס.

1906 " איזב [...] איז באצייכנט געווארן פאר א זעלטענעם
גוטן מענטשן און [ער] פלעגט אימער לאזן
זיינע איבערגייער". צ. נ. גאלאמב, די בורזשואזיע,

1953 " נעמען, וואס באצייכענען איינע פון א סך אדער פון
די אומצאליקע גאט=אייגנשאפטן". גרינ, מענטשן און ווערטן,
נ"י, ז' 51.

1964 " [...] 'אונטערגאנגיזם' ווי א. א. ראבאק האט
אליין געמינצט א ווארט צו באצייכענען די הערשנדיקע
שטימונג בנוגע היינט און מארגן פון אונדזער שפראך ".
לע, טמז, XI/15.

1970 " אונדזער דור ווערט באצייכנט אלס דער לעצטער דור
פון פאלקנעכטשאפט און דער ערשטער דור פון אויסלייזונג".
ד. פרקדמאן, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 12.

4. סימבאליזירן, אויסדריקן, אנווייזן אויף עפעס.

1903 " ווי פעדערן ווייסע פון ענגעל [מלאכים] געפליקט,

דערשיינט מיר דער שניי אין זיין רויקן גיין,/ זיין צאַרטקייט באַצייכנט די אומשולד אליין". י. באַוושאַוער, פּאָעטישע ווערק, לאָנדאָן, ז' 66.

1951 " שפּראַכלעך באַצייכענען אַזעלכע דערציילונגען דעם אַפּלוי, פון שלום-עליכמען ביז אונדזער צייט". יג, אין תוך געגומען, ב"א ז' 446.

1962 " דער'קול מבשר' האָט באַצייכנט אַן איבערבראָך אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור". ה. רעמעניק, מיט 100 יאָר צוריק, די היימלאַנד, נ'3, ז' 118.

5. פעסטשטעלן, פאַרצייכענען, אַפּמערקן.

1836 " דען די גרעסטע טייל ווייבער קענען ניט באַשטימט באַצייכענען די צייט ווען זיי זיינען מעוברת געוואָרן". מלכה בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע, ז' 3.

1970 " קודם-כל דאַרף אָבער באַצייכנט ווערן די גרייטקייט פון יודנראַט אָפּצוזאָגן זיך פון פּאָרויס פון דער שטיצע פאַר די פּליטים". ק. שאַהלע, סאַנץ, ת"א, ז' 755.

1971 " עס מוז דאָ ווערן באַצייכנט, אַז די פאַרשטייער פון די פּאַרטייען [...] האָבן אַ סך צייט געווידמעט דער ניטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג.

ב אַ צ יי נ ד ל ט -- אַדי [מאַרק וווּב]. 1. וואָס האָט ציין. % דאָס באַציינדלטע קינד עסט שוין ברויט.

2. (פּיג) וואָס זעט אויס ווי מיט ציין. % אין זייגער זיינען דאָ אַ סך באַציינדלטע רעדלעך.

ב אַ צ ... ק -- אַדי/אַדוו. צוזאַמענהענגיק, שייכותדיק.

| סטוטש 8|.

ב אַ צ י כ טיק ן -- טרוו. (אַלט) באַשולדיקן.

1805 " נון שפּרעכט דיזר חסיד דער דש ספר גימאַכט האָט איך באַציכטיג אַנדרי לייט איך מיך זעלבין אויך באַציכטיגין". איבז א. פּאַוויר, בחינות עולם, זאָלקווא, תקס"ה.

באַציל -- דער =ן, פּפּ באַקציל. 1. א באַקטעריע וואס
האט די פאָרעם פון א שטעקעלע.

1922 " באַקטעריעס האבן פארשיידענע פארמען. אפט
טרעפן זיך שטעקעלעך מיט קײַלעכיקע עקן (באַצילן),
אָדער, רעשעלעך (קאָקן)". ג. באטש, געוויקסן !!,
איבן א. גאלאמב, ווארשע, ז' 143.

2. (מעד) יעדער באַקטעריע וואס איז גורם א קראנקהייט.
% אַנשטעקיקער באַציל; קאן מען זען נאר אין מיקראסקאפ.

1905 " עס איז אוממעגלעך אויסצופירן, אז אלע באַצילן
זאלן אומקומען; דערפאר מוז מען אזוי קרעפטיק און
אָפּהארטעווען דעם קערפער, אז ער זאל זיך ניט קענען
אננעמען און קראנק ווערן, אויב אפילו באַצילן וועלן
דאך זיך צו אים ארײַנכאפּן". די סוכאטע, (שווינדזוכט)
מינסק, ז' 4.

1924 " אין דאס רוב פאלן וועט דער קראנקער אָרט אין לונג
צוזאמען מיט די באַצילן ארומגערינגלט פריער מיט אן
אנצינדלעכער געוועב". צ. שאבאד, פגעז, נ' 5, ווילנע.

1945 " האט מען געשניטן לעבעדיקע בײַכער און אויסגעפּרוווט
א גיפטיקן באַציל". סעג, איצטער, נ"י, ז' 30.

3. (פיג) דערשײַנונג, אידעע, מידה, וואס קאן גורם
זײַן א געזעלשאפטלעכן אדער מאראלישן שאדן, סכנה.
% באַצילן פון שאוויניזם; די באַצילן פון געוואלט
און רציחה פארשפרייטן זיך גיך; די נאציסטישע באַצילן
זײַנען נאך נישט אויסגעראטן.

1920 " און אלע פארשטייען דאס. דאס ווײַזן די משוגענע
הינט פון די שאוויניסטן, וואס שפרייטן די באַצילן
פון כאאס". דא, שווארץ-רויט, ווארשע, ז' 21.

1911 " דער אסימילאטארישער באַציל, וואס לויערט דאס מיוחס-
דיקע יידישע בלוט צו פארגיפטן, וועט גענצלעך פאר-
ניכטעט ווערן". דובערוש טורש, די עלער=לעקער, ווארשע.

1951 " דער אנטיסעמיטישער באַציל האט זיך אײַנגעגעסן ניט
נאר אין די געהירן פון די ארמיי-קאמאנדירן, נאר
פון דער גאנצער ארמיי". ל. שטיין, זב ליטע !, נ"י, ז' 93.

0 באַצילן=טרעגער -- דער, =ס.

1923 " ביי קראַנקע [...] וועלכע זיינען שוין געזונט געוואָרן [...] געפינט מען נאָך ביי דער אונטערזוכונג פון זייערע אויסוואַרפן שעדלעכע באַקטעריעס [...]. אַזעלכע מענטשן רופן מיר אָן באַצילן==טרעגערס". צ. שאַבאַד, פגעז ז' 32, ווילנע.

באַצילן-קאָלאָניע -- די, =ס. -- אָנזאַמלונג פון באַצילן.

באַצילן=קולטור -- דאָס ספּעציעלע האָדוועון באַצילן מיט וויסנשאַפטלעכע צילן.

טובערקולאָז (יס)=באַציל ( טובבאַציל ).

1918 " די היילונג פון טובערקולאָזיס=מיינט, אייגנטלעך, אַרעסטירן אָדער אַרומרינגלען די טובערקולאָזיס=באַצילן". יוסף פרימאַן, וואָס איז טובערקולאָזיס, באָסטאָן, מאַסס, ז' 37.

טיפוס=באַציל.

1968 " אין דעם יתומים-אַנשטאַלט האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט טיפוס=באַצילן, איז קראַנק געוואָרן און אויף אַ נאַטירלעכן אופן געשטאָרבן". ב. אַרענשטיין, יזב אָטוואָצק, ת"א, ז' 817.

שווינדזוכט-באַציל -- דזוו טובערקולאָז=באַציל.

ב. אַרנשטיין, יזב אָטוואָצק, ת"א, ז' 852.

ב אַ צ י מ ב ל ע ן ----> באַצאַמבלען.

ב אַ צ י נ ד ז ן -- טרוו [מאַרק ווב]. אַרויפלייגן צינדזן, שטייערן. באַצינדזן די קרעטשמעס, באַצינדזן די קרעמערס וואָס האַנדלען מיט בראַנפן.

ב אַ צ י ע וו אַ ט ע -- אַדי | לב | 1. אומריעוודיק, ווי אַ קלאָץ, מגושם.

2. נאַריש, תמעוואַטע.

|| יקייט די/דאָס. באַצ | לב |. טפשות, נאַרישקייט.

באַציִעכץ -- דאס, באַ. איבערצי׳, באַדעק. % דאס לעדערנע באַציעכץ, רייך באַציעכץ. מע דארף קויפן נייַ באַציעכץ פאר דער סאָפקע.

1958 " די פאַרהאנגען און די באַציעכץ פון מעבל וואס מען האט ניט געוואשן שוין לאנג". י. רייזמאַן, זש׳ אמעריקאנער, 8/VIII.

באַציִען -- טרוו. פאר באַצויגן. 1. איבערציִען, באַדעקן מיט עפעס. % באַציִען די קנעפ מיט שטאָף. באַציִען א בגד. מע דארף באַציִען מיט צעראטע די שטולן. די טאץ איז נישט קיין זילבערנע, זי איז נאר באַצויגן מיט א דינעם שיכט זילבער. דער פראסט האט די טייכלעך מיט זילבער באַצויגן.

" א שווארצער וואלקן האט דעם הימל באַצויגן און א רעגן איז געגאנגען גלייך". יידישע פאלקסלידער, נ״ו, 1957, ז׳ 21.

1934 " עס פוסטעווען אויך די פיל דעפּוטאַטן=בענקלעך מיטן רויטלעכן לעדער באַצויגענע". דער ניסטער, הויפשטעט, מאסקווע.

1935 " און וועל באַציִען אויף אייך הויט און וועל געבן אייך אייך כוח און איר וועט לעבעדיק ווערן". מחזור ע"ט, בית ישראל [...], פסח [,] יחזקאל לז - ווילנע, תרצו, ז׳ 278.

2. אראפּברענגען עפעס פון אַן אנדערן, ווייטערן ארט, אימפּארטירן פון אויסלאנד. % באַציִען סחורה פון אויסלאנד. די קאָמפּיוטערס האט מען באַצויגן פון די פאראייניקטע שטאטן.

1866 " ווי באלד אין איינער שטאט די סחורה איין פרייז האט, וואס די געגנט אין וועלכן דער האנדל געשטייט | קומט פאר | פון דארט דער ארט סחורה באַציט, קאן מען שוין האנדלען מיט פארגעטיקונג" מ. הלוי הורוויץ. ספר פרשת מרדכי. אונגוואר, לפ״ק.

1930 " איצט איז ער רייך, באַציט פון דער וועסט וואגאנען סחורה, איז א יונג אן איינרייסער". אָפּאַ XI, די טענצעריך, ווילנע, ז׳ 73.

1951 " פארוואס מיר האבן געמוזט באַציִען רויע פעל פון אנדערע לענדער? פשוט, ווייל די פיצוכט איז ניט אומעטום

גלייך". י. פרענקל, זב ליטע I! נ"י, ז' 957.

3. אראפברענגען עמעצן פון דער פרעמד, אנשטעלן אויף אן ארבעט. % באַציען אן עלעקטראטעכניקער - ספעציאליסט. מע האט באצויגן פון ישראל א גוטן לערער פון עברית.

1865 " מיטוואך האט געדארפט זיין חנוכת הבית. זיי האבן באַצויגן א חזן מיט א כאר און צו דער פייערלעכקייט האבן זיי באשטעלט מוזיק". קמ, נ' 33, ז' 510.

1921 " ובאין ברירה מוז מען פון א גרעסערער שטאט באַציען א יונגן=מאן, א ווויל=קענעוודיקן, א חצי=משכיל, און אים צאלן שכירות 6 רייניש א וואך". ד. י. זילבערבוש, סקיצען, וויך, ז' 95.

4. (אַלט) ברענגען א ראיה, באווייזן שייכות, זיך סומך זיין אויף עפעס; ענטפערן שייכותדיק.

1881 " טאמער וועט איינער באַציען א סברה פונעם 'מקושש' - דארפסטו אנשלאגן אויגן פון דער 'עגולה ערופה'". דלוגאטש, וועלט מסורה, ווארשע, ז' 45.

1881 " אנדערע [פון די מורי הוראות] באַציען גאר דינים פון דעם 'חיי אדם' און 'חכמת אדם', זיי קענען במחילה זייער וויייניק לערנען". מ. א. שאצקעס, דער יודישער פאר פסח, ווארשא, ז' 113.

" אויף וואס וואלסטו עס באַצויגן אן דעם פסוק?". פיעס, בבא קמא, ג/א.

ב אַ צ י ע ן ז י ך -- 1. רעפל. איבערציען זיך, באדעקן זיך: % די שויבן באַציען זיך מיט פראסט-שטערנדלעך. די מילך באַציט זיך מיט א דין הייטל.

1895 " האט זיך דער הימל באַצויגן מיט א שווארצן וואלקן און א שניי [...] האט זיך אראפגעשיט אויף דער ערד". איבז, א. בוכבינדער, די בלוטיגע אינקוויזיציע, ווילנא, ז' 4.

2. אוטון. באַציען זיך צו אויף עפעס... האבן א שייכות, צוזאמענהאנג, זיין ענטפערדיק, קארעספאנדירן.

% אונדזער ענטפער באַציט זיך אויף אייער ווענדונג

פון דעם 10טן פעברואר. דער באשלוס באציט זיך צו
אים דירעקט.

1929 " דער דין וחשבון באציט זיך אויף זיך אליין אויף דעם
אינעווייניגסטן לעבן פון יעדער איינצלטער [איינציקער] נשמה". בעל מחשבות II, ווארשע, ז' 180.

1970/71 " די פאליאקן האבן אנגעטאן זייערע נאציאנאלע
מונדירן [...] און האבן ארויסגעוויזן זייער אראגאנץ
און דאס האט זיך קודם באצויגן צו די יידן". א. פיגלוביץ,
יזב זלאטשעוו ת"א, ז' 34.

3. אוסוו. האבן א שטעלונג / איינשטעל צו עמעצן.
% באציען זיך גוט/שלעכט, חבריש, פריינדלעך, באציען
זיך מיט ליבשאפט, מיט רחמנות אע. דער לערער דארף
זיך באציען צו אלע קינדער גלייך. די תלמידים באציען
זיך צום לערער מיט דרך-ארץ.

1939 " [...] אט הארעווען [די טרעגער]
דא פון פארטאג ביז ביינאכט [...] און מע באציט זיך
צו זיי ערגער ווי צו פערד". נאטע לוריע, א זון פון
פאלק, קיעוו.

1966 " [...] און אלע אייך פארדריסט: פאר וואס סאקראט
פארמשפט איז אומזיסט צו זיינע ריכטער איר באציט זיך
אומגעדולדיק". האל, מיין אוצר, מאסקווע, ז' 115.

1968 " די משפחה איז דארף האט זיך צו אונדז הארציק באצויגן,
געגעבן א פלעשל מילך מיט ברויט". מ. שוסטערמאן, יזב,
אטוואצק-קארטשעוו, ת"א, ז' 916.

4. איינשטעלן זיך, אויסדריקן א שטעלונג, מיינונג,
פאזיציע צו (לגבי) זאכן, דערשיינונגען, פראבלעמען.
% באציען זיך אחריותדיק, אומאחריותדיק, ביטולדיק,
מיט אפשיי, באציען זיך פאזיטיוו/נעגאטיוו. באציען זיך

ערנסט (לייכט, גלייכגילטיק), די עלטערן האבן זיך באצויגן מיט פארשטענדעניש און געדולד צו די פארלאנגען פון די קינדער.

ים,איינהייטלעכע פאלקשול.

1934 " צו דער יידישער קלאסיק האט דער גאנצער יידישער סאוועטישער טעאטער =וועזן זיך באצויגן אין א באדייט-נדיקער מאס ניט אפקלייבעריש, אן דער געהעריקער קריטיק. זש' שטערן, מינסק, ג' 12.

1953 " פערזענלעך האב איך זיך צום ענין באצויגן זייער סקעפטיש [...]" גרינ, איד און וועלט, נ"י, ז' 260.

1968 " זיי האבן געלערנט תורה און געלייענט צייטונגען, אריענטירט זיך אין מילי-דעלמא און זיך באצויגן מיט אחריות, צו געזעלשאפטלעכער טעטיקייט". ש. קאנץ, יזב, אסוואצק - קארטשעוו, ת"א, ז' 107.

ב א צ י פ ן -- -----> באצופן.

ב א צ י פ ע ר|ן -- טרוו [מארק ווב 1628], באצייכענען מיט ציפערן, שטעלן ציפערן אויף עפעס. % אלע טירן האט מען באציפערט. מע וועט באציפערן די טעקעס מיט דאקומענטן די זיי גרינג צו געפינען.

ב א צ י צ ה|ן -- טרוו פפ באציצהנען. אריינמאכן ציצות. און טלית-קטן % דער טלית-קטן איז שוין פארטיק, מע דארף אים נאר באציצהן.

|| =ט - פאדי. % די באציצהטע און באצאטע יונגעלייט.

ב א צ י ק -- דער, =עס. ---> באטיק (שוך).

ב א צ י ר -- דער, =ן. עפעס וואס דינט צו באצירן, באפוצן, באשיינען א זאך ( צירונג, געמעל, ארנאמענט, שיינער חפץ, מוסטער אע.)• % א קונסטבילד איז א גוטער באציר פאר א וווינונג. דאס בשמים=שקעטעלע איז א טייערער באציר.

1968 " אונטער דער אנפירונג פון אנסקין [...] פאטאגראפירט מען אפ אלטע שולן, אינטערעסאנטע מצבות, מען קויפט אויס כתב-ידן, אלטע דרוק=זאכן, זילבערנע עטרות, פרוכתן געשטיקטע אין גאלד און אין זילבער, מנורות, חנוכה-לאמפן, און כלערליי אנדערע חפצים פון יידישן באנוץ. און באציר". ב. י. ראזען, יזב אטוואצק-קארטשעוו. ת"א, ז' 644.

ב א צ י ר ו נ ג -- די =ען. 1. דזוו באציר.

1923 " מיר געפינען דערפאר אפט די כתובה אריינגעזעצט אין א באפוצט רעמל, ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט אלערליי באצירונגען". איבז, ר. זעליגמאן, מ. גאסטער, די כתובה, בערלין.

2. צירונג ( איידלשטיינער, גאלד=און זילבער=אויסארבע-טונגען אע ) • % די דאמען טראגן בראסלעטן, פיגערלעך און אנדערע באצירונגען אויף די העלדזער.

1951 " ליטווישע יידן מסתמא, די וואס זיינען געווען אין נאענטע פארבינדונגען מיט די מאגנאטן, האבן געטראגן וואפן, האלדזבענדער און קאסטבארע באצירונגען אויף זייערע גארטלען". מ. ווישניצער, זב ליטע I, נ"י, ז' 66.

ב א צ י ר ו נ ג ט -- אדי. וואס איז (פול) מיט צירונגס. % די באצירונגטע ווייבער. דער רייך באצירונגטער האלדז פון דער דאמע האט צוגעצויגן אלעמענס בליקן.

1953 " הייבט אויף דער סולטאן זייך באצירונגטע האנט". ה. רויזנבלאט, אין שענסטן טאג פון הארבסט, ל"א, ז' 201.

" די מתפללים, יום-טובדיק געקליידטע, מיט זייערע פרויען אויסגעפוצטע און באצירונגטע, גייען אין שול אריין". י. מאניק, די מלמדישע גאס, א קרענצל זכרונות.

באַצירן -- טרוו. 1.שיין מאכן, פארשענערן, באַפוצן.

% באַצירן מיט בלומען דעם זאַל צו דער פייערונג. דער מאָלער האָט באַצירט מיט שיינע אילוסטראַציעס פרצעס "דרײַ מתנות".

1947 " ווען דער ארון קודש האט זיך געעפנט, פלעגן פייגל, מיט וועלכע ער איז געווען באַצירט, ארויסגעבן מוזיקאַלישע טענער". מ. ראַזען, יזב טשענסטאָכאָווער יידן, נ"י, ז' 328.

1961 " מיט [...] די פרוכתן האָט מען הושענא=רבה באַצירט די ווענט פון דער שול". ס. שטערנפעלד, לוצק, ת"א, ז' 364.

1965 " בונטע בלומען האָבן באַצירט דאָס דאָרף מיט זייער שפּעטיקן בליען". נאָטע לוריע, הימל און ערד, מאָסקווע, ז' 282.

2. צוגעבן גלאַנץ, פּראַכט דורך עמעצנס זיין, פיגורירן אויף א געוויסער שטעלע, פּאָסטן % דער באַרימטער דיריגענט באַצירט שוין זיין אָרט אַריבער 20 יאָר.

1964 " צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין חזנישן "כסא=כבוד", וועלכן ער האָט שוין אָן אונטערברעכונג באַצירט ביז צום סוף פון זיין לעבן". ש. וויגאָדאַ, צ' פּאַר, 3/V.

באַצירן זיך -- רפל. שיין ווערן, באַפוצן זיך.

1957 " דער אַלטער באַרנבוים אין הייפל האָט זיך אָנגעהויבן וועקן צום לעבן. זיין קרוין האָט זיך באַצירט מיט ווייס-פיאַלעטע בליטן". שמואל בראַון, [...] בילגאַריי, ת"א, ז. 153.

~~קיינם=====די. עדהנדט===אדדר.~~

באַצירט -- פּאַדי/פּאַדוו. פאַרשענערט, באַפוצט.

1910 " [...] וואָס האָקן אויס די שווערע קופּערזיילן, דעם פּראַכט-באַצירטן קופּערנעם באַסיין". ש. פרוג, אַלע שריפטן!, נ"י, ז' 277.

1934 " און אין די הענט מיט פעכערס אויסגענייט פון זייד און גאָלד -// און מיט בריליאַנטן און מיט דימענטן באַצירט". מלה II, נ"י, ז' 138.

באַצירק -- דער, =ן. פּפּ: באַצערק | דיאַל, מג |.

1. אַדמיניסטראַטיווער ראַיאָן ( קרייז, דיסטריקט ).

% די געגנט איז צעטיילט אויף באַצירקן. ער וווינט אין פינפטן באַצירק פון ווין.

1868 " אין קאַמעניצער גובערניע [...] אין באַצירק=שטאָט ( אוליעזדנע ) האָט מען דערהרגעט אַ ייִדן אין פרייטיק= צו-נאַכטס". קמ, נ׳ 7, II + 50.

1910 " איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי איך בין אין ווין געגאַנגען צו אַ געוויסער פאַמיליע אין קאָנקאָרדיאַ פּלאַץ, ערשטן באַצירק". מר, שריפטן VI, ז׳ 252.

1951 " דער טיכסוך פאַרענדיקט זיך מיט אַ באַשלוס, אַז דער ניעמאַן ווערט די גרענעץ פון די צוויי ייִדישע טערי- טאָריעס, ד"ה, גראָדנער באַצירק און זאַמעט". מ. ווישניצער, ליטע I, נ"י, ז׳ 181.

1956 " זעען מיר דעם וועג פון אפשר אַ נאָך חשובערן סאָרט מענטשן, וועלכע האָבן באַוווּסט און אפילו בכוונה תחילה זיך געפונען אין צוויי באַצערקן און האָבן זיך דערוועגט צו וועלן לעבן אין ביידע". ד. סדן, גק נ׳ 23, ז׳ 238.

○ באַצירקאַמט, באַצירק=געריכט, באַצירק=הויפּט=מאַן.

1893 "[...] ולאשר לא שילם את המס המגיע לאוצר המדינה באו בעלי הפקודה מבאצירקס=אמט ועיקלו ומשכנו את אפרות עבור חוב המס". הרב יצחק אהרן הלוי אטינגא, שו"ת מהרי"א הלוי, תד"ג, חלק ראשון, שאלה ע"א, דף לח/2.

1951 " אַלס די הויפּטשטאָט פון אַ גובערניע האָט קאָוונע געהאַט דעם " אָקרוזשנאַי סוד" ( באַצירק=געריכט ) מיט אַ ציווילער און קרימינעלער אָפּטיילונג". ל. סאָוויטש, זב ליטע I, נ"י ז׳ 1177.

1970 " לויט א פאראָרדנונג פון סאנדזער באַצירקס=הויפּטמאַן פון 29-טן אָקטאָבער, האָבן אַלע יידן פון גרענעצפּאַס [...] געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען". ר. מאַהלער, ספר סאַנץ, ת"א, ז' 129.

2. פּאָליציי=צירקל, פּאָליציי=קאָמיסאַריאַט: % דעם שיכור פירט מען אין באַצירק.

1900 " מען האָט די געשיכטע געמעלדעט אין באַצירק, ד.ה. אין פּאָליציע, מען האָט געשיקט מענטשן זוכן". מ. אחון, די צווייי שוועגער, ווילנע, תר"ס, [ז' 179?].

1951 " די מאַסן אַרעסטן האָבן אָנגעהאַלטן צען טעג [...]. זיי זענען געפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער [...], אין טורמע, אין פּאַרטיזאַנער=שטאַב, אין די פּאָליציי=באַצירקן, אין דער יעזויטן=גימנאַזיע און אין אַנדערע ערטער. ל. גאַרפינקל, זב ליטע!, נ"י, ז' 1682.

באַצלמט [באַצײלעמט] - אַדי. וואָס האָט (איז מיט) צלמים.

1964 " צי דער אָרטאָדאָקסישער רב האָט טאַקע געהאַט א יידישן צוטריט צו דער קאַטוילישער מיטלשולע און צי זיין תפילה צווישן די אַלע באַצלמטע גלחים איז אין פּולן הסכם מיט פרומער יידישקייט". יג, טאַג, V. 17.

באַצמאַן -- דער, =עס. שיף=אונטער=אָפיצער, וואָס פירט אָן מיט דער באַלעבאַטישקייט און לערנט די יונגע מאַטראָסן. % דער באַצמאַן האָט באַפוילן אויפראַמען דעם אייבערדעק.

באַצעטלען -- טרוו. 1. אָנקלעפּן (אָדער אויף אן אַנדער אופן צוגעבן) א צעטל, עטיקעט אַע: % מען דאַרף באַצעטלען די רענצלעך פאַרן אָפּגעבן אין באַגאַזש.

2. (פיג) צוגעבן, צוקלעפּן א נאָמען, טיטל אַע.

1940 " און ווען איך וואָלט באַדאַרפט [...] 'באַצעטלען' געטען וואָלט איך אים אָנגערופן: דער חכם, ניט מער, ניט ווייניקער". שריפטן ???, נ"י, ז' 150.

צרגאָב 215, צו (באַצ), ז' 40.

ב אַ צ ע ר ט |באַצאַאַרט| - פּאַדי/פּאַדוו פֿון באַצערן.

וואס איז אין צער, פּיַינ % דער באַצערטער פאָטער געזעגנט דעם אָפּפֿאַרנדיקן זון. די באַצערטע מוטער זיצט ביים בעט פֿון איר קראַנקן קינד.

1877 " [...] ווונדערלעכער גאָט, קערסט אום צוריק די רעכטפּארטיקע און גוטע, נעבעך אין צרות באַצערטע עלטערן, זייער געליבט קינד". דאָס איין-און-איינציק קינד, אַלבער פֿון פּוילישע, וואַרשע.

1969 " די אויגן האָבן געקוקט מיט דער באַצערטער מילדקייט פֿון יענע, וואָס טראָגן דעם יאָך פֿון קינדווייז און". באַש, גק נ' 65, ז' 117.

1938 " [ער שטייט] שטום און באַצערט". ,לערער, מיין היים, ליפּא, נ' 4, וואַרשע.

1970 " און ווינענדיק, באַצערט דערטרוימען מיין טיפֿסטן, ניט דערטרוימטן טרוים". יזב ספר סאַנץ, ת"א, ז' 717.

1971 " די שיינע, אַלטע פּרוי מאַכט זיך אַפֿילו נישט באַצערט". נאַד, הומאָר, קריטיק, ליריק, ב"א, ז' 212.

|| =קייט

1968 " א סאָרט יונג-מיידלשע באַצערטקייט". באַש, פּאַר, I/13.

ב א צ ע ר ן | באצאארן | -- טרוו. פארשאפן צער [צאאר],

פאראומערן. % די קינדער האבן ניט געוואלט באצערן

די מוטער, האבן זיי ניט דערציילט וועגן אומגליק.

1936 " ער האט געקוקט שארף אויפן שרייבער און זיין פנים

איז געווען באצערט". משה אלטמאן, מדרש פנחס,

בוקארעשט, ז' 118.

1935 " זי איז באצערט, וואס זי קען ניט פארן קיין וולאדאווע

אויף איר מוטערס גרוב און זי פארבעטן אויף איר חתונה".

באש, דער שטן פון גאריי, ז' 104.

ב א צ ע ר ע וו ע ן - טרוו. 1. צערעווען א סך,

אומעטום. % די באבע האט די זאכן באצערעוועט

פון אלע זייטן.

1963 " די טישטעכער און ליילעכער האט זי אזוי געדיכט

באצערעוועט, אז ס'איז נישט איבערגעבליבן קיין פאדעם

פון פריערדיקן געוועב". באש, גימפל תם, נ"י,

259.

ב א צ ק ע ן -- טרוו, דזוו וואס בוצקען,

שטויסן, שטופן | לז |.

|| =ניש=... 1. דאס האלטן אין איין באצקען.

2. נטיה צו שטויסן, שטופן | לז |.

ב א צ ר ע -- די =ס. ס'רוב אף מצ. 1. (שש)

קליינקייטן, אומוויכטיקע זאכן, נארישקייטן.

2. אויסגעטראכטע מעשות, פוסטע רייד: % ווייס איך וואס

ער דערציילט דארט - ס'איז באצרעס! גארנישט מיט נישט".

1920 " ווען איינער מישט אויס איינס מיטן צווייטן, רעדט

פוסטע מעשות, זאגט מען: " באבסקע מעשות, פוסטע

מילך, באצרעס, פידרויך מיט לאקריצע". עלזעט, יידישע

מאכלים, II, ווארשע, תרפ, ז' 109.

1961 " נאך א טשיקאווע ווארט איז באצרע, ד"ה אן אויסגעטראכטע

מעשה, א פוסטע מעשה. עס איז מעגלעך אז אט דאס לעצטע

ווארט זאל זיין פארדרייט פון בשורה, מע פלעגט זאגן:

דערצייל מיר נישט קיין באצרעס". י. אפטייקער, יישפ

XXI -1 נ"י, ז' 31.